# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

זכרון ראובן יוסף
לע"נ הרה"ח ראובן יוסף בן מו"ה אלכסנדר זושא ז"ל

פרשיות **ויחי - שמות** תשפ"א ◆ עלון מס': **56**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

## איך האב געבעטן און איך האב באקומען!!

קיין איין זאך געשעט נישט סתם אזוי, יעדער זאך וואס קומט אויף אונז - קומט מיט א מטרה.

דער יסוד לערנט אונז דער הייליגער נביא ישעי' [פרק מח] **"מלמדך להועיל"**.

דער נביא געט אונז צו פארשטיין אז השי"ת פירט זיך מיט'ן מענטש ווי א מלמד מיט זיינע תלמידים. ער לערנט מיט אונז וואס איז די ריכטיגע וועג ווי מיר דארפן צוגיין. עס איז דא א כללות'דיגער לימוד, דאס איז די תורה, ווי דער פסוק זאגט **"מדריכך בדרך תלך"**, און עס איז דא די פרטיות'דיגע לימוד, די געשעעניש וואס פאסירט מיט יעדן יחיד ויחיד באזונדער. און דער נביא פירט אויס: **"לו הקשבת למצוותי - ויהי כנהר שלומיך"** - אז דו וועסט זיך איינהערן וועט דיין לעבן זיין פרידליך און רואיג, ווי די טייך.

אז מען לעבט מיט דער יסוד אז השי"ת פירט זיך מיט אונז ווי א רבי צו תלמידים, ווערט דאס לעבן פילפאכיג גרינגער. יעדער שוועריגקייט וואס קומט אונטער פאר'ן מענטש איז דא אונז אויסצולערנען עפעס. די בליק אויף די מיטמאכעניש, ווערט ווי א קורס צו א ריכטיגער לעבן. מען פאלט נישט אריין אין קיין יאוש. די רעקאציע צו די געשעעניש טוישט זיך פון נעגאטיוו צו פאזיטיוו. אנשטאט ארייינפאלן אין א דיפרעסיע וועט מען זוכן די גוטע פינטל אין די געשעעניש, די נקודה וואס השי"ת לערנט מיר אויס דורך די פאסירונג.

גענוי ווי א רבי מיט תלמידים, טרעפט זיך אמאל אז דער שיעור איז א לאנגער און צומאל איז עס א קורצער, איז די זעלבע דא אויך. אמאל איז די שוועריגקייט איין מינוט און צומאל איז עס א לאנגער, עס פארציעט זיך אויף לאנגע חדשים און יארן, אבער עס איז אייביג א לימוד.

דער סארט בליק אויף אן ענגשאפט, וועט אויך צוניץ קומען פאר'ן מענטש ווען ער איז מתפלל אויף די ישועה.

די תפילות וואס א איד דאווענט ווען ער איז אין א קלעם קומט ארויס פון די טיפסטע טיפעניש פון הארץ. קיינמאל פריער האט ער נישט געשפירט אזא נאנטקייט צום טאטן אין הימל. צום ערשטן מאל אין זיין לעבן שפירט ער סיי די טיפקייט פון תפילה, סיי די זיסקייט פון האפענונג, דער גוטער טעם אז איינער הערט אים אויס, אז ער איז נישט אליין אויף די וועלט, אז ער האט אויף וועמען ארויפצוווארפן זיין פעקל.

די געווינס געווינט מען נאר דורך די שוועריגקייטן וואס איז אים אונטערגעקומען. שלמה המלך זאגט אונז [משלי פרק י' פסוק כח] **"תוחלת צדיקים שמחה"** בלויז די תוחלת - די האפענונג ברענגט אריין שמחה ביים צדיק.

א לעבן אן קיין פארמעסטונג איז 'קיין' לעבן נישט! עס איז א טרוקענער לעבן. אבער אז די לעבן איז בערגיג, האט דאס לעבן א טעם. אויך די תפילות ווערן אנגענומען און אפילו מען זעט עס נישט, ווערט עס מקובל.

ווי אזוי? לאמיר עס געבן צו פארשטיין מיט א משל. ווען א קליין קינד וויינט אז ער וויל אריינגעמען אין מויל עפעס וואס איז שעדליך פאר אים, וועט קיין איין טאטע נישט זיין דער 'גוטער' און אים נאכגעבן.

אבער, אנשטאט דעם, וועט דער טאטע אים געבן אן אנדערע זיסע זאך, אים צו בארואיגן. קומט אויס אז דער טאטע האט געהערט זיין געוויין, ער האט עס אנגענומען און ער האט פארדינט פון דעם, אבער אין אן אנדערע וועג, ווי דאס וואס ער האט געוואלט.

דער זעלבער איז אויך מיט אונז. דער גוטער באשעפער הערט די תפילות, אבער ער קען אונז נישט נאכגעבן וואס מיר האבן געבעטן, ווייל וואס מיר האבן געבעטן איז מסוכן פאר אונז, אנשטאט דעם וועט די תפילה אונז העלפן אין אנדערע ערטער, וואו עס איז יא גוט פאר אונז.

[ארויסגענומען פון שיעור 36]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

## לאמיר ארויסגיין מיט א רקידה!

פון ווען איך האב אנגעהויבן איבערצוגעבן די טעגליכע שיעורים אויפ'ן האטליין אונטער'ן נאמען 'בטחון היומי', פריי איך מיך מיט יעדער מעשה וואס מ'דערציילט מיר, אבער די מעשה וואס א איד האט מיר דערציילט די וואך איז נישט געווען 'נאך' א מעשה צו קענען איבערדערציילן, עס איז א מעשה וואס האט מיר בארירט ביז צום טיפעניש פון הארץ, אז עס איז זיך מיר געקומען צו טאנצן און זינגען מיט התרגשות 'מי כעמך ישראל'.

"לעצטענס, נאכ'ן מיטמאכן פינאנציאלע שוועריגקייטן האב איך, לויט די עצה פון באקאנטע, אנגעהויבן האנדלן מיט מעקלעריי". הייבט אן דער איד זיין ערציילונג די פארלאפענע זאת חנוכה.

פון מעקלעריי פארדינט מען שיין. די ברכה האט אין וואו אריינצוקומען אבער דאגעגן פאדערט עס אסאך שעות פון דעם מענטשליכן טאג. זייענדיג באקאנט מיט דער פאקט האב איך געמאכט ביי מיר אן אפמאך אין קיין שום פאל וועט די ארבעט נישט גיין אויפ'ן חשבון פון מיינע שיעורי תורה.

"מיט צוויי וואכן צוריק", שילדערט ווייטער דער איד.

"האב איך געמאכט שטארקע פארשריט איבער א געשעפט וואס קען מיר אריינברענגען די פאנטאסטישע סומע פון צוואנציג טויזנט שקל. מען האט שוין געהאלטן ביים שליסן דעם געשעפט און כ'געב א קוק אויפ'ן זייגער, עס איז שוין כמעט 9:00, די צייט ווען כ'דארף זיין ביים שיעור אבער דא האלט מען נאך פעסט אינמיטן די האנדלעריי".

די מחשבות זענען געלאפן אהין און אהער. ענדע בין איך פארבליבן. מ'האט פארענדיגט וואס מ'דארף צוענדיגן, און עס איז באשלאסן געווארן אז גלייך מארגן אינדערפרי שליסן מען דאס געשעפט.

ביים דאווענען איז מיין טעלעפאן פארלאשן. אבער, יענעם טאג, צוליב די געשעפט, האב איך עס געלאזט אנגעצינדן. ביי 'אשרי ובא לציון' האב איך זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, איך האב אריינגעקלינגען די קונים צו הערן וואס טוט זיך מיט'ן געשעפט, אבער דער קונה דערציילט מיר אז ער האט געטוישט זיין מיינונג, ענדע גייט ער נישט איין אויף דעם געשעפט.

אלעס איז צערינען געווארן!

אבער איך האב נישט געשפירט קיין שום פאראיבל. איך האב געדאנקט השי"ת פאר די געלט וואס כ'האב איך באקומען פון אויבן. פון הימל האט מען מיר געוויזן אז פון פאלגן השי"ת דערלייגט מען נישט. אין אדם שומע לי ומפסיד! אז איך זאל ווייטער אנהאלטן מיין שיעור, איך זאל ווייטער דאווענען אן קיין שטערונג, איך בין פול מיט הכרת הטוב פאר השי"ת אז ער האט עס געלערנט מיט מיר.

צומארגנס האט מיר איינער געוויזן דער געדאנק אין רבינו יונה [שערי תשובה פרק ב'] אז ווען א מענטש איז זיך מקבל צו דינען השי"ת, זאל ער דאנקען השי"ת אויף די יסורים וואס ער באקומט ווייל עס קומט אים צו העלפן.

דער יונגערמאן האט געדאנקט השי"ת אויף די געלט וואס ער האט באקומען פון הימל.

נו, וויאזוי טאנצט זיך נישט מי כעמך ישראל???

א גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 1-605-31-31-719 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 033-696-766

פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א פארקינג במתנה

צו טרעפן א גוטער פארקינג ארט אין די רוישיגע גאולה איז נישט קיין גרינגע אויפגאבע.

זוכנדיג צו פארקירצערן די זוכערייי האב איך אריינגעקלינגען צו מיינס א חבר, וועלכער דארף זיין דארט אין די געגענט פרעגנדיג צי ער קען מיר אוועקלייגן אן ארט.

"דו ווייסט נישט ווי גוט דו קלינגסט? גיט ער מיר א זאג, ממש יעצט פאר איך ארויס, כ'וועל ווארטן אויף דיר, ווען כ'וועל דיר זען קומען מיט דיין שווארצע פידזשאו קאר וועל איך ארויספארן".

געציילטע מינוטן שפעטער בין איך שוין דארט געווען, אבער אנקומענדיג זעה איך ווי אויף יענער ארט איז פארקירט א שווארצע פידזשאו קאר.

"זעט אויס אז עס איז דא נאך שווארצע פידזשאו'ס אויף די וועלט, אויסער מיינער". האב איך געטראכט צו מיר און געלויבט השי"ת אז מן השמים האט מען צוגעפירט איך זאל קענען העלפן א צווייטן איד".

## א סגולה צו טרעפן א דירה

מיין נאמען איז יאסל. מער ווי צוויי יאר זוך איך צו קויפן א דירה.

די דירה וואו איך וואוין יעצט ווערט קלענער פון טאג צו טאג, אז עס איז שוין כמעט נישט דא וואו זיך צו רירן אבער דערווייל האב איך נאך אלץ נישט געטראפן קיין צוגעפאסטע דירה.

דער פארלאפענער חודש תמוז האט מיר איינער געזאגט אז א גוטע סגולה צו טרעפן א דירה איז זיך איינצוהאנדלן מזוזה'ס ביי א סוחר, ווער עס האט אזוי געטון, האט גלייך געהאט א ישועה.

איך האב באשלאסן אז כ'גיי עס אויספראבירן. איך האב מברר געווען אויף א גוטער סופר און אים איינגעצאלט פאר די מזוזה'ס. איך האב באשטעלט ביי אים די צאל מזוזה'ס לויט וויפיל צימערן עס זעט מיר אויס אז כ'דארף האבן.

"די מזוזה'ס וועל איך אנהייבן שרייבן נאך די ימים טובים", האט דער סופר מיר קלארגעשטעלט.

עטליכע וואכן זענען אריבער פון דעמאלטס, און נאך א לאנגער צייט פון שטילקייט האט צום ערשטן מאל אנגעהויבן אריינקומען פארשידענע הצעות. איין הצעה האט געשלעפט די צווייטע און ממש נאך סוכות האב איך צוגעטראפן די דירה וואס כ'האב געוואלט.

נאכ'ן שליסן די געשעפט האב איך אנגעקלינגען דער סופר און אים א פרעג געגעבן: ווען האסטו אנגעהויבן שרייבן די מזוזה'ס? עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז געציילטע טעג בעפאר איך האב געשריבן קאנטראקט האט ער אנגעהויבן צו שרייבן די מזוזה'ס.

סגולה בדוק ומנוסה!

## א גראסערי ארדער אויף שבת

איך הייס ירחמיאל שפערבער, כ'וואוין אין קרית יואל אין אמעריקע און איך וויל ענק מיטטיילן מיט א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר.

עס איז געווען אין איינס פון די פרייטאגס, ווען איך האב

## די דירה האט געווארט א יאר

ווען איך האב זיך געגרייט חתונה צו מאכן מיין קינד מיט פינף יאר צוריק בין איך געווען רואיג אז א דירה פאר מיין קינד האב איך שוין.

איך וואוין אין מאנטריאל - קאנאדא און קעגן מיין הויז שטייט שוין א דירה ליידיג א לענגערע צייט. איך קען זיך מיט דער בעל הבית און א שטיק צייט פאר די חתונה האב איך אים געפרעגט צי כ'קען ארויסדינגען די דירה פאר מיין זון.

"אה, האסט נישט געהערט"? קוקט מיר דער אייגענטימער אן מיט פארוואונדערטע אויגן.

"איך האב ממש לעצטנס פארקויפט די דירה".

"און ווער איז דער קונה"? האב איך נישט געהויבן קיין הענט.

דער פארקויפער האט מיר געגעבן דער נומער פון דעם קויפער און כ'האב זיך פארבינדן מיט אים, פרעגנדיג צי ער איז אפשר גרייט אז מיר זאלן ארויסדינגען די דירה אדער עס גאר פארקויפן פאר אונז.

דער קונה איז געווען גרייט אונז צו פארקויפן די דירה, אבער פאר אסאך א גרעסערע פרייז ווי מיר האבן געהאלטן ביים צאלן. איינזענדיג אז מיר וועלן נישט זיין גרייט אויסצולייזן די דירה פאר די סומע וואס ער בעט, האט ער מסכים געווען עס צו פארדינגען, אבער בלויז אויף צוויי יאר צייט.

נו, צוויי יאר איז אסאך צייט און מיר זענען איינגעגאנגען אויפ'ן געשעפט. מיר האבן ארויסגעדינגען די דירה ווען מיר באשליסן אז נאך צוויי יאר וועלן מיר זעען דעמאלטס וואס מיר גייען ווייטער טון.

גאנצע צוויי יאר איז פארביי. דער פארדינגער האט נישט אריינגעקלינגען. עס האט געדויערט נאך א האלבער יאר ביז ווען ער האט אנגעקלינגען און אונז געזאגט אז ער שטעלט ארויס די דירה אויף אויספארקויף. מיר האבן עס אנגענומען און אים פארשפראכן אז אין די רגע וואס מיר וועלן דארפן פארלאזן די דירה, וועלן מיר עס טון אן קיין צעגערײ.

נאך א האלבער יאר איז פארביי. אין א טאג קלינגט ער אונז מיט די נייעס אז ער האט געטראפן א קונה און ביז געציילטע וואכן ארום מוז די דירה זיין ליידיג. מיר האבן עס אנגענומען טראץ וואס ער האט אונז געגעבן זייער ווייניג צייט צו ליידיג מאכן די דירה.

מיר האבן זיך גלייך ארויסגעלאזט אין די גאסן אפיר צו זוכן א פאסיגע דירה אבער עס האט זיך פארשלעפט, מיר האבן נישט געטראפן קיין שום פאסיגע דירה.

איך האב מתפלל געווען צום באשעפער ער זאל מיר מזמין זיין א דירה און אין איינוועגס האב איך אנגעהויבן טון השתדלות צו טרעפן א דירה. איך האב אנגעהויבן פרעגן ביי באקאנטע צי זיי ווייסן איבער עפעס א דירה וואס שטייט ליידיג.

איך בין א מלמד אין חדר און כ'טרעף זיך טעגליך מיט מענטשן און איך האב זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי באקאנטע צי זיי ווייסן איבער עפעס א דירה. צווישן די אנדערע מלמדים איז אויך דא אין חדר איינער וואס וואוינט אויף די זעלבע גאס וואו איך וואוין. איך האב אים געפרעגט צי ער ווייסט איבער עפעס א דירה.

"יא, איך ווייס". האט ער מיר דערציילט און געזאגט אז אין די נעקסטע בנין צו זיין בנין איז דא צוויי דירות וואס שטייען שוין ליידיג א לענגערע צייט, אבער ער האט נישט קיין אהנונג צו וועמען עס געהערט.

יעצט האב איך שוין געהאט א שטיקל אויסקוק, אבער ווי אזוי קום איך אן צו יענעם? איך האב געפרעגט איינער וואס קען זיך אויס מיט'ן פארשאפן אדרעסן און טעלעפאנען פון אומבאקאנטע. יענער האט מיר געשאפט דעם נומער און איך האב אנגעקלינגען יענעם אבער קיין איינער האט נישט געענטפערט דעם רוף.

אין לויף פון די טעג האב איך ווייטער אנגעקלינגען יענעם, אבער אין קול ואין עונה. זעענדיג אז טעלעפאניש וועט נישט קומען די ישועה, האב איך באשלאסן אז כ'גיי נוצן א צווייטער וועג. איך בין אריבער צו די דירה און אנגעקלאפט אויף איר טיר, אבער אויך דא, האט געהערשט א שטילקייט, קיין איינער האט נישט געענטפערט.

זעענדיג אז עס גייט נישט, האב איך באטראכט די פאסט קעסטל פון די דירה. איך האב גענומען א פעדער מיט א פאפיר און אויפגעשריבן דערויף א נאטיץ אז איך וויל קויפן די דירה, און ער קען זיך ווענדן צו מיר. וועלנדיג זען צי איינער גייט באמערקן די בריוו, האב איך געלייגט די בריוו האלבוועגס אינדרויסן, האלבוועגס אינעווייניג און איך בין אוועק פון דעם ארט.

צוויי טעג שפעטער בין איך צוריקגעקומען צו די געביידע. איך האב באטראכט דער פאסט קעסטל, עס איז געווען ליידיג, א צייכן אז איינער האט גענומען דעם בריוו. נאך צוויי טעג איז פארביי און דער אייגענטימער פון דעם הויז קלינגט מיר אן, ער זאגט מיר אז ער איז יעצט אין די דירה, איך קען אריבערקומען עס אנצוקוקן.

איך בין גלייך אריבער צו די דירה און אנגעקלאפט אויף איר טיר. א גוי האט געעפנט און מיר איינגעלאדנט אריינצוקומען זען די דירה.

נאכן אויסוועלן א שפראך קענט איר הערן די מעשיות

ווילט איר ווערן אינטערוויוט איבער א געשיכטע וואס איר האט מיטגעלעבט?

"איך האב צוויי דירות אין די בנין צו פארקויפן, וועלכע ווילסטו?" האט דער גוי געוואלט וויסן.
דער גוי איז געווען גרייט איינצוגיין אויף א גוטער פרייז, עס איז אונז נאך געבליבן אויסציוועלן וועלכע מיר ווילן. מיט די ערשטע דירה איז געווען שווער. דער גוי האט געוואלט מיר זאלן אראפלייגן דאס געלט גלייך און אויך האט דארט געוואוינט איינער, מיר מוזן געבן צייט פאר'ן איינוואוינער ער זאל זיך קענען ארויסרוקן פון דארט.
"נו, איז אפשר ווילט איר זען די צווייטע דירה?" האט ער געאפפערט.
גלייך זענען מיר געגאנגען זען די צווייטע דירה. דער גוי האט געעפנט די טיר און פאר אונז האט זיך אנטפלעקט א הערליכע שיינע דירה, אלעס אין איר איז געווען גרייט, עס האט נאר געווארט אויף א קונה. דער גוי האט מסכים געווען אז מיר זאלן זיך שוין אריינציען אין איר און עס איז אונז געבליבן בלויז צו כשר'ן די קאך און מען קען זיך אריינציען אין איר.
מיר האבן שוין געהאט די ישועה אין די הענט! גלייך אויף צומארגנס האבן מיר זיך אריינגעצויגן אין איר.
ווען איך האב געפרעגט דער גוי ווען האט ער געזען די בריוו אין דער פאסט, האט ער מיר דערציילט אז בעצם וואוינט ער אפילו נישט אין די געגנט. ער וואלט קיינמאל נישט געדארפט זיין דא יעצט, אבער ער איז יא דא געווען, צוליב אן אינטערעסאנטער צופאל.
"מיט א יאר צוריק בין איך אנגעקומען אין געגנט צו פארקויפן די דירה, איך האב דעמאלטס אנגעהויבן טון דערוועגן, אבער דאן איז מיין טאטע פלוצלונג קראנק געווארן און פון איין מינוט אויף די צווייטע, האב איך געדארפט פארלאזן דאס ארט. יעצט, אז די מצב האט זיך איינגעשטעלט, האב איך זיך צוריקגעקערט צו זען וואס איך קען טון מיט די הויז. איך קום אן אהער און אין די פאסט ליגט א צעטל, איינער פרעגט צי איך וויל אים פארקויפן די דירה".
יעצט האב איך פארשטאנען אויף צוריקציוועגס ווי אזוי אלעס האט זיך געפירט אזוי, אז די דירה האט געווארט א יאר צייט אויף אונז, אז מיר זאלן עס קענען אפקויפן, גענוי אין די צייט ווען מיר זוכן זיך אזוי דרינגענד א דירה.

## צוויי לעכטיגע מנורה'ס

דערציילט האברך היקר ר' נטע סלאנים פון בית שמש:
ר' יהושע, א חשובער יונגערמאן פון די שטאט בית שמש האט זיך ארויסגעלאזט דעם דריטן טאג פון חנוכה צו איינער פון די שפיטעלער אין ירושלים עיה"ק. דער חשבון פון ר' יהושע איז געווען אז ביז געציילטע שעות וועט ער ענדיגן אלעס וואס ער דארף דארט ערלעדיגן און ער וועט קענען צוריק זיין אין שטוב, באצייטנס פאר די חנוכה ליכט.
למעשה, האבן זיך זאכן פארשלעפט, ער האט זיך געטראפן שטיין כמעט ביי חצות הלילה אין שפיטאל, בעפאר'ן צינדן חנוכה ליכט. נישט וויסנדיג ווי אזוי מען גיט זיך אן עצה, האט ער אריינגעקלינגען צו זיינס א חבר, בעטנדיג צי ער קען אים ברענגען חנוכה ליכט.
"וואספארא שאלה"!
דער חבר, ר' מיכל איינזנבאך, האט זיך געפריידט צו די מצוה. אין איילעניש האט ער געברענגט פון שטוב א מנורה מיט אויל און קנויטן און זיך ארויסגעלאזט אין ריכטונג פון די שפיטאל.
ווארטנדיג אזוי אויף זיין חבר איז ר' יהושע צוגעגאנגען צו א באאמטער אין שפיטאל און אים געפרעגט וואו קען ער צינדן ליכט. דער באאמטער, איבערראשט פון די בקשה, האט אים אנגעוויזן אן ארט און אויך אים אהינגעגעבן וואקסענע ליכט ווען ער זאגט אים מיט באגייסטערונג:
"דא האסטו, אזא הייליגע מצוה, נעם".
געציילטע מינוטן שפעטער איז ר' מיכל אנגעקומען אין שפיטאל און אים געברענגט די מנורה מיט אויל און ר' יהושע איז אריין אין א פארלעגנהייט. אין זיין האנט האלט ער צוויי מנורה'ס. וועלכער פון די צוויי זאל ער נוצן?
פון איין זייט איז די שמן מנורה מער מהודר'דיג, אבער מצד שני, קען נאך דער באאמטער זען אז ער נוצט נישט די ליכט וואס ער האט אים געגעבן און זיך באליידיגן.
ענדע האט ער געטראפן א צווייטן ארט און זיך געגרייט צו צינדן די חנוכה ליכט.
ר' יהושע האלט נאך אין גרייטן די ליכט ווען א איד, אין א ווילטשער, רופט אים צו.
"עס איז שוין א גאנצע טאג וואס כ'דאווען צום באשעפער ער זאל מיר העלפן כ'זאל קענען צינדן ליכט. אפשר האסטו פאר מיר ליכט".
"זיכער. דא האסטו".
ר' יהושע האט אים געגעבן די גרייטע מנורה מיט אויל, ווען פאר זיך נוצט ער די וואקסענע ליכט.
יעצט האט ער שוין פארשטאנען פארוואס מען האט אים פון הימל אנגעגרייט צוויי פאר ליכט, און זיך אויך געפרייט אז ער קען העלפן א צווייטע איד און אים אוועקגעבן די בעסערע מנורה.
מיר קענען זיך פארשטעלן אז א גוי, אפילו ווען ער וואלט ווען געהאלפן א צווייטן - וואלט ער אים טאקע געגעבן א מנורה אבער טאקע די שוואכערע, ווייל נאר איד וועט שפירן אז עס איז חשוב'ער מזכה צו זיין א צווייטער איד מיט די הידור מצוה ווייל אזוי פארדינט מען אז מען איז מהנה א צווייטן איד.
אה, די ליכטיגקייט וואס עס איז ארויס פון די ליכט!!!

זיך ארויסגעלאזט צו די לאקאלע גראסערי איינצוקויפן אן ארדער אויף שבת. דער ארדער אויף שבת איז ביי מיר זייער באדייטפול, ווייל דעמאלטס קויף איך זיך איין פאר די גאנצע וואך.
אבער אן געלט קען מען דאך נישט קויפן.
יענער פרייטאג ווען איך האב זיך ארויסגעלאזט איינצוקויפן די ארדער זענען מיינע טאשן געווען ליידיג. ווען מען האט מיר געפרעגט אין שטוב פון וואו און וועל איך האב דאס געלט פאר די ארדער, האב איך געזאגט אז כ'ווייס נישט, השי"ת פארלאזט אונז קיינמאל נישט.
ווי יעדער וואך האב איך זיך אנגעפולט א פולער וועגעלע מיט אלע גוטע זאכן, ווען איך רוק זיך נענטער צום רעדזשיסטער זייענדיג זיכער אז השי"ת וועט מיר העלפן. כ'שטיי אזוי אין די רייע צו באצאלן ווען עס קומט צו מיר צו א בחור.
"עס קען זיין אז דו געדענקסט מיר נישט", זאגט ער מיר, "אבער כ'געדענק דיר יא".
"נו, פיין", טראכט איך צו מיר.
"אמאל האסטו מיר גענומען אויף א טרעמפ מיט דיין מיניוואן, דעמאלטס האב איך נישט געהאט ביי מיר גענוג געלט דיר צו באצאלן, איך בין דיר שולדיג געבליבן געלט, יעצט האב איך חתונה, איך וויל באצאלן אלע מיינע חובות".
"איך וואוין נישט דא אין געגנט, אבער מן השמים טרעף איך דיר יעצט", האט דער חתן צוגעלייגט.
דער בחור האט ארויסגעצויגן פון זיין טאש די סומע פון 200 דאלער, ממש די סומע וואס עס האט מיר געקאסט די גאנצע שבת ארדער.

## די אבידה קומט צוריק אין די ריכטיגע מינוט

איך הייס מרדכי דן און כ'וואוין אין לאנדאן.
אין א טאג האט זיך געמאכט אז דאווענדיג אין די 'קהל חרדים' שול אין לאנדאן האב איך געטראפן אונטער די שאפע ליגן א גרויסער סומע געלט. איך האב עס אויפגעהויבן און געפרעגט די ארומיגע צי זיי ווייסן וועמענס דאס איז?
אבער קיין איינער האט נישט געוואוסט פון וואס כ'רעד..
זעענדיג אז קיינער ווייסט נישט וועמענס דאס איז האב איך אויפגעהאנגען א השבת אבידה צעטל אין שול אז ווער ס'האט פארלוירן געלט זאל זיך ווענדן צו מיר, אבער קיינער איז נישט געקומען צו גיין. ווען עס איז אריבער אפאר חדשים און קיין איינער איז נישט געקומען אפנעמען די געלט האב איך באשלאסן צו גיין פרעגן א דיין וואס צו טון מיט דאס געלט.
כ'האב זיך געגרייט צו גיין פרעגן די שאלה, און אזוי ארויסגייענדיג פון שול טרעף איך זיך אן מיט אן עלטערער איד וואס דאווענט דא אין שול. מיר האבן נישט קיין באזונדערע שייכות, אבער אז מיר האבן זיך באגעגנט, בין איך אריין מיט אים אין א שמועס.
צווישן אנדערע האב איך אים דערציילט איבער די מציאה און אז כ'וויל פרעגן א רב וואס צו טון מיט דעם.
"די געלט וואס איז געלעגן אין חדר שני?" פרעגט ער מיר איבער.
"עס איז מיין געלט".
דער איד דערציילט מיר אז איינמאל שבת ביינאכט האט ער זיך געטראפן מיט א גרויסער סומע געלט אין טאש, און וויבאלד ס'איז געווען שבת קודש האט ער עס אויסגעשעקלט דארט און פארגעסן פון דעם.
אזוי שמוסנדיג דערציילט מיר דער איד אז ממש לעצטנס איז ער אריבער א שווערע גניבה, ער האט פארלוירן אסאך געלט, און דאס געלט איז פאר אים ממש א הצלה.
איך האב זיך מורא'דיג געפריידט מיט די מצוה זעענדיג דערינען א השגחה פרטית אז כ'האב פונקט געטראפן דעם איד און אויך ווי אזוי השי"ת האט מקדים געווען רפואה למכה פאר דעם איד ער זאל האבן געלט אין א צייט פון נויט.

ביים קוועשטשן 1 פאר אינטערוויוס דרוקט קנעפל 5 < 6
לאזט איבער א קלארע מעסעדזש אויף קנעפל 3 < 4 נאכן אויסוועלן א שפראך

# צוהערער פרעגן
שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך לערן אסאך איבער בטחון און אמונה אבער יעצט בין איך אין א נסיון פון אמונה און עס העלפט מיר נישט, איך בין שרעקליך צובראכן פון מיין מצב.
מיין פרנסה האב איך פון א געשעפט און די געשעפט האלט אין איין דערלייגן געלט, עס טרעט מיר צו צום הארצן. איך קען נישט פארשטיין פארוואס עס איז אזוי.
ח.ר. פון ירושלים
שאלה נומער 12

## ווי אזוי זיך צו שטארקן בשעת א נסיון?

**הרב צבי דערבארעמדיגער פון בית שמש:** פון צדיקים זאגט מען נאך א טייטש ׳האמנתי כי אדבר׳ - איך האב געגלייבט ווייל איך האב גערעדט. אז א איד געפינט זיך אין א נסיון איז די עצה אנצוקומען צו אמונה דורך ׳אדבר׳, עוסק צו זיין אין אמונה סיי בדיבור און סיי במעשה. אז מען פילעוועט זיך אין אמונה, אפילו אז מען איז נישט אין די מדריגה, וועט מען ענדע דערגרייכן די דרגה פון האבן אמונה און קענען דורכגיין די שווערע צייטן.

**ענדליך צו דעם - הרב חיים יעקב שווארץ פון אשדוד:** אויפ׳ן הייליגן בעשטה״ק דערציילט מען אז אמאל איז ער געווען אין א צרה און מען האט פון אים צוגענומען אלע זיינע מדריגות אין עבודת השם. זיך טרעפנדיג אין אזא מצב, האט ער געמאכט ביי זיך א חשבון, וואס געדענק איך יא? און געזען אז ער קען נאר די אלף בית און אנגעהויבן זאגן די אלף בית מיט א ברען, ביז ער האט צוריקבאקומען אלע מדריגות פון הימל. מיר דארפן וויסן אז ווען א מענטש שטייט בעת נסיון, נעמט מען פון אים אוועק אלע זיינע דרגות. די עצה איז צו גיין אין די וועגן פון דעם בעש״ט און זאגן צו זיך ווי מער אמונה, לערנען ווי מער, ביז ווען די מדריגות און שטארקקייט וועט צוריקקומען.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים ברייטערט אביסל אויס די דערמאנטע נקודה:** חז״ל זאגן אונז, אין אדם חוטא אלא א״כ נכנס בו רוח שטות. האב איך אמאל געהערט אז דער ׳רוח שטות׳ איז אז דער מענטש פארלירט זיין אמונה. דערפון לערנען מיר ארויס אז אויך בעלי בטחון ווערן געפרואווט פון הימל צי זיי שטיין ביי אין דעם נסיון. דער חילוק איז נאר אז דער בעל בטחון האט מער כלים צו קענען עומד זיין אין די נסיון. דו זאגסט אז דו לערנסט אסאך חובת הלבבות און די שוועריגקייט וואס דו האסט איז מיט דיין נאנטער אין די משפחה וואס האלט דיר אויס. אפשר איז ראטזאם אז דו צוזאמען מיט אים זאלן זיך קובע זיין א שיעור אין חובת הלבבות, אזוי ארום וועט איר זיך ביידע שטארקן אין אמונה.

## האנדלעריי איז נאר א השתדלות

**הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש:** דער חובת הלבבות זאגט אז אויב א מענטש האט אן ארבעט וואס פאסט זיך צו אים, אפילו ער פארדינט נישט דערביי, זאל ער עס נישט אויפגעבן ווייל סוף כל סוף איז די ארבעט נאר בגדר השתדלות. ווי דו שרייבסט דערלייגסטו פון דעם געשעפט. דער דערלייגן איז שוין א שטאפל ווייטער ווי ׳נישט׳ פארדינען און מען דארף פרעגן א שאלת חכם צי אויך דאס האט דער חובת הלבבות געמיינט?

## גיי ארויס פון די פריערדיגע מצב

**הרב יהודה געווירצמאן פון ירושלים:** די וועלט איז איין קייט פון עליות מיט ירידות. א הינדעל קומט ארויס צו די וועלט נאר נאכדעם וואס זי ברעכט אדורך א הארטע שאלעכטס. עס זאגט זיך גרינג, אבער מעגליך אז די שוועריגקייט וואס דו גייסט אריבער, איז לצורך עליה. דורך דעם וועסטו מיט דיין קרוב משפחה זיך שטארקן אין אמונה און שטייגן העכער בעבודת השם.

## א שאלה פארן קומענדיגן גליון

ביי אונז אין די משפחה לויפט א געוויסע פעלער וועלכער דערוווייטערט מענטשן זיך נישט משדך צו זיין מיט אונז. לעצטנס האבן מיר געהיפערט צוויי פון אונזערע קינדער אז די דריטע - גרעאטענע טאכטער זאל קענען א כלה ווערן. די מצב צוברעכט אונז זייער. מיר פראבירן זיך צו שטארקן, אבער לעצטנס האבן מיר זיך בארעכנט אז אפשר איז בעסער אז אנשטאט זיך צו שטארקן זאל מען משלים זיין מיט די מציאות אז דאס איז עס, דאס איז דער רצון השם, אזוי וויל השי״ת אז מיר זאלן זיך פירן׳. צי איז דאס דער וועג?
ל.ב. גני תקוה

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**
איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189
**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג וארא. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה״צ ר׳ בעריש שנעעבאלג שליט״א

## בארגן געלט - איז א חסרון אין אמונה

אין די היינטיגע וועלט איז בארגן געלט א גרינגע זאך. אויסער א שפע פון גמחי״ם וואס פארבארגן אן קיין פראצענטן, איז דא צו די האנט, א לאנגע רייע פון מיטלען ווי אזוי מען קען אויסבארגן געלט. מען קען בארגן פון די באנק, פון די קרעדיט קארטל פירמע, אדער דורך געבן שפעטערדיגע טשעקן.

אן ארייננצוגיין אין די הלכה׳דיגע שאלות וואס זענען פארבינדן מיט׳ן בארגן אויף ריבית, מוזן מיר וויסן אז דער עצם געלט בארגעריי - אפילו אויפ׳ן אויסגעהאלטענסטער וועג - איז נישט אזא גלייכער זאך.

דער פסוק זאגט שוין לוה רשע ולא ישלם! אבער אויסערדעם דארפן מיר נעמען אין באטראכט אז א ׳בארגער׳ פארלירט זיין לעבן. ער דריידט און דריידט און ענדע וועט ער - על פי רוב - דערגרייכן א מציאות אז מער וועט ער שוין נישט טרעפן פון וועמען צו בארגן געלט.

דער בארגער פאלט אריין אין דעם רעדל פון בארגעריי זייער גרינג. ער מאכט ביי זיך א חשבון אז ער גייט נאר נעמען ביי איינעם א הלוואה און דאס אפצאלן מיט פעימענטס. ווען ער נעמט די הלוואה האט ער שוין אין זיין קאפ א שטיקל בילד פון וואו ער גייט אפצאלן די הלוואה, אבער ער פארזעט איין זאך, אז ׳געבארגטע׳ געלט גייט אויס גרינגער ווי ׳פארדינטע׳ געלט.

חז״ל זאגן שוין דעם כלל: רוצה אדם בקב שלו יותר מתשעה קבים של חבירו! ווען א מענטש לעבט אויף זיין אייגענע ׳קב׳, באגענוגט ער זיך מיט וואס ער האט, אבער ווען ער לעבט אויף ׳געבארגטע׳ געלט, געט ער אויס ניין מאל אזויפיל און אויך דעמאלטס איז עס אים נישט געגוג.

עס איז ריכטיג אז אסאך פון אונז האבן שטיבער מיט קינדער. די קאסטן זענען הויכע אבער די לעזונג איז נישט בארגן. מען דארף איינגעוואוינען זיך און די שטוב אז יעצט האט מען נישט, בעזר השם ווען השי״ת וועט שיקן - וועט מען קויפן.

צוויי נקודות העלפן דעם מענטש זיך איינצוהאלטן פון בארגן. איין נקודה איז אמונה תמימה אין השי״ת, אז ׳איך׳ קען גארנישט, אלעס פירט זיך פון אויבן. די צווייטע נקודה איז וויסן אז יעדע פרוטה וואס מיר האבן אין טאש איז א פערזענליכע מתנה פון השי״ת צו אונז און פון הימל ווארט מען צו זען ווי אזוי גייען מיר זיך פירן דערמיט אויסגערעכנטערהייט.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות׳דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס מיין קינד איז אין שפיטאל און איך שפיר אז נאר אין די זכות פון זיך איינהערן צו די שיעורים אויף די האטליין און לייענען די גליונות, האב איך די כוחות אריבערצוגיין די שווערע צייטן און בלייבן פריש, בשמחה און מיט אמונה.
ד.ו. בני ברק

**מצד די געבער**

צוויי פון מיינע קינדער האבן זיך יארן לאנג געמוטשעט מיט קינדער. איך האב תורם געווען פאר די גליון און ביידע זענען געהאלפן געווארן למעלה מדרך הטבע.
ח.ו. אשדוד


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה״ק
**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | ׳שער הבטחון׳ |


# אן אייביגע הנצחה

**נתנדב גיווארן**
לעילוי נשמת
מורינו מוה״ר **אלכסנדר זושא**
ב״ר **מרדכי מנחם** ז״ל
עלה למרום ב׳ אדר א׳ תש״ס

מרת **מלכה** ע״ה בת ר׳ **משה**
עלתה למרום כ״ט שבט תנש״א


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**
**קלינגט אריין אין אפיס**
**02-5866-075**
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס״ד
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה